בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## ראש השנה תשפ"ב

מי לא נפקד כהיום הזה: (תפלת מוסף לר"ה) עס איז נישטא א צייט ווי די הייליגע טעג פון ר"ח אלול ביז נאך יום כיפור וואס יעדער איד באקומט א מתנה פון הימל וואס דערוועקט אין אים א חרטה אויף וואס ער האט געטאן און א קבלה אויף ווייטער זיך צופיהרן אין א ערליכן אידישן וועג. איך האב געזען צוויי משלים וואס גיט ארויס ווי א איד דארף טראכטן די טעג ווען מען שטייט גרייט זיך צו מקבל זיין הנהגות טובות און בכלל וואס איז די תכלית פון ראש השנה:

### מקבל זיין מיט א אמת

עס איז געווען א סוחר וואס איז געגאנגען אין וועג צו טאן א גרויסן געשעפט ווען פאר אים איז דא א שמאלע גשר וואס ער מוז גיין אויף דעם כדי אנצוקומען צו זיין ציל. ווייל דער גשר איז געווען שמאל איז דאס געווען שווער אריבער צו גיין. דער סוחר טראכט וואס זאל ער טאן? ער מוז דאך גיין אויף דעם גשר ווייל ווען נישט מאכט ער נישט דעם געשעפט, א איד האט דאך א כח פון תפילה, און ער שטעלט זיך מתפלל זיין פארן אויברשטן און זאגט אים צו, אויב ער וועט דורכגיין דעם גשר וועט ער לערנען א שעה מער יעדן טאג און וועט דאווענען מיט מער כוונה און נאך קבלות, און ער גייט ארויף אויפן גשר מיט א פחד און שרעק אבער ער שטארקט זיך אז אין זכות פון זיינע תפילות און קבלות וועט אים דער אויבערשטער העלפן דורכגיין בשלום. און אזוי גייט ער אויפן גשר און זעט אז עס נישט אזוי געפערלאך ווי ער האט געמיינט, און הויבט אן צו חרטה האבן אויף די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געווען און טראכט אז עס איז גענוג צו מוסיף זיין נאר א האלבע שעה א טאג און ביים דאווענען נאר א ביסל מער מכוון זיין אבער נישט וויפיל ער האט מקבל געווען פריערט. און אזוי גייט ער אדורך דעם גשר בשלום און ער זעט אז עס איז בכלל נישט א שווערע גשר און האט אינגאנצן חרטה אויף די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געווען. דאס זעלבע איז פאר ראש השנה מען וויל אז דער אויבערשטער זאל שענקען א כתיבה וחתימה טובה און דער פחד און שרעק פון דעם יום הדין. אזוי ווי מען זאגט אין ונתנה תוקף, וחיל ורעדה יאחזון, איז מען מתפלל און מען איז מקבל אסאך קבלות און הנהגות טובות, און אין דעם זכות זאל דער אויבערשטער העלפן דורכגיין בשלום דעם יום הדין, און אזוי גייט אריבער דעם יום כיפור און מען זעט אז עס נישט אזוי געפערלאך ווי מען האט געמיינט, און ער הויבט אן צו חרטה האבן אויף די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געווען, און טראכט אז עס איז גענוג צו מוסיף זיין אבער נישט וויפיל ער האט מקבל געווען פריערט, און אזוי גייט אריבער דער הייליגער חודש און מען גייט צוריק צו די נארמאלע סדר, און מען זעט אז עס איז בכלל נישט א שווערע דורכגאנג, און האט אינגאנצן חרטה אויף די אלע קבלות וואס ער האט מקבל געווען. דער ערליכער איד, אבער ווייסט אז דער אויבערשטער איז א יודע מחשבות און געדענקט גוט די אלע קבלות וואס מען האט מקבל געווען און וויל אז מען זאל איינהאלטן די קבלות כדי דער מענטש זאל האבן א גוט יאר.

### וויסן דעם תכלית פון ראש השנה

ראש השנה איז א טאג וואס מען קען דערגרייכן א שטארקן נאנטקייט מיטן הייליגן באשעפער און שטייגן אין עבודת ה' דורך תשובה ביים דאווענען און ביי תקיעת שופר אזוי ווי עס שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן, מען קען אבער ווארטן פון ראש השנה אויף קלענערע השגות אז עס וועט זיין א שיינער חזן וואס וועט דאווענען שיין מיט זיין קאפעלי' און אנדערע טראכטן פון די געשמאקע חלות מיט ראזינקעס אדער אנדערע עסן פון ר"ה. א משל אויף דעם האב איך געזען: עס איז געווען א בעל עגלה וואס פלעגט האבן פרנסה פון פיהרן מענטשן, איינמאל האט אים דער פריץ באשטעלט אויף א לאנגע נסיעה און דער בעל עגלה האט זיך געפרייט אז ער וועט יעצט האבן שיין פרנסה אויף א ווייל'ע, און דער פריץ הייסט אים פאהרן אין א ווייטע שטאט, און ווען זיי קומען אן אין יענעם שטאט הייסט אים דער פריץ צופארן צו א געשעפט וואס פארקויפט פייגאלאך, און דער בעל עגלה איז געווען נייגעריג פארוואס דארף דער פריץ פארן אזוי ווייט צו קויפן א פייגל בשעת ער קען קויפן אין זיין שטאט וויפל פייגאלאך ער וויל!

און דער בעל עגלה גייט אריין און קוקט וואס פאר א פייגל גייט דער פריץ קויפן! און דער פריץ באווייזט פארן אייגנטימער אויף א פייגל און ער גיט דאס אים אין א קליין קאסטן, און דער פריץ פרעגט וויפיל דארף ער באצאלן פאר דעם פייגל? ענטפערט מען אים, 100 רובל. דער בעל עגלה ווערט נשתומם און קען נישט צוקומען צו זיך! 100 רובל איז א פארמעגן, און דער פריץ איז געקומען אזוי ווייט צו קויפן אזא פייגל, מוז מען זאגן אז דער פייגל האט א טעם וואס איז ווערט 100 רובל. דער פריץ הייסט אים אהיים פאהרן און דער פריץ פריידט זיך מיטן פייגל וואס ער האט געקויפט און דער בעל עגלה וואונדערט זיך, ער האט אבער נישט די העזה צו פרעגן דעם פריץ וועגן דעם פייגל.

דער בעל עגלה קומט אהיים און דערציילט זיין ווייב וועגן די נסיעה און וועגן די פייגל וואס דער פריץ האט געקויפט פאר 100 רובל. זיין ווייב וואונדערט זיך אויך, אבער וואס זאל זי טאן אז מען איז ארימע מענטשן קען מען זיך נישט ערלויבן צו קאכן אזא טייערע פייגל. דער בעל עגלה קען נישט קומען צו זיך א פאר טעג ער מוז פארזוכן אזא פייגל און זאגט זיין ווייב אז מען האט 50 רובל אוועקגעלייגט, און מען וועט פארקויפן אפאר זאכן און מען וועט האבן 100 רובל, און אזוי וועלן זיי קענען קויפן דעם פייגל און מען וועט האבן א געשמאקע סעודה אזוי ווי דער פריץ!

נו! דער בעל עגלה נעמט זיך פאהרן א ווייטע נסיעה און פריידט זיך אז ער וועט זוכה זיין צו א געשמאקע עסן אזוי ווי דער פריץ. ער קומט אין יענעם שטאט און גייט צו יענעם געשעפט און בעט פאר דעם זעלבן פייגל וואס דער פריץ האט געקויפט און צאלט די 100 רובל, און פאהרט אהיים! קומענדיג אהיים זעט די ווייב א מאגערע פייגל און זי וואונדערט זיך וואס פאר א גוט יאר וועט מען האבן פון אזא קליין עוף? אבער אז מען צאלט פאר דעם 100 רובל מן הסתם האט דאס א טעם פון גן עדן. זי נעמט דעם עוף און גייט צום שוחט און גרייט דאס אן צו קאכן, מען גרייט א טיש און מען צוטיילט דעם פייגל פאר די מאן און די ווייב און מען נעמט דאס אריין אין מויל און עס איז גאר ביטער און מען קען עס נישט עסן.

דער בעל עגלה זינקט זיך איין פון בושה פאר זיין ווייב און ער זעט אז ער האט אוועקגעווארפן א פארמעגן פון געלט און צייט צו פאהרן קויפן דעם פייגל! ער נעמט מוט און גייט צום פריץ און פרעגט אים וועגן דעם פייגל ווי אזוי האט ער אויסגעגעבן 100 רובל פאר א פייגל וואס האט גארנישט קיין טעם? לאכט אים אפ דער פריץ און זאגט: דער פייגל איז נישט אויף צו עסן און נעמט אים אריין אין זיין צימער און ווייזט אים די חכמה פון דעם פייגל ווי זי זינגט און פליט מיט חכמה! פארדעם פאהרט מען ווייט און מען קויפט דאס פאר 100 רובל! א פייגל אויף צו עסן איז דא גענוג ביי אונז אין שטאט!

דער נמשל איז אז מען דארף פארשטיין די גרויסקייט פון ראש השנה וואס מען קען ארויסנעמען פון דעם העכערקייט און א נאנטקייט צום אויבערשטן, ווייל עסן און זינגען קען מען א גאנץ יאר!

### דרשה פון חתם סופר לר"ה אז עס טוט ווי ראש השנה איז גוט

שטייט אין (נחמיה ח' י') אז עזרא הסופר האט אין ראש השנהפארגעליינט די תורה, און דער פאלק איז געווארן זייער דערשראקן און טרויעריג, ווייל זיי האבן נישט געהאלטן אסאך מצות וואס שטייט אין פסוק. האט זיי עזרא הסופר געזאגט (שם) "לְכוּ אִכְלוּ

מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ, (די גמרא ביצה ריש פ״ב דרשנט דאס אויף די וואס האבן נישט געהאט געמאכט קיין עירוב תבשילין) כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם.״ דער הייליגער חתם סופר איז מסביר די כוונה פון פסוק. מ׳רופט אן די טעג ״די הייליגע טעג״, די מקור איז טאקע פון עזרא הסופרוואס האט געזאגט קָדוֹשׁ הַיּוֹם, (ווייל היום מיינט ראש השנה) אבער מ׳קען צולייגען א טעם צו דעם ווייל א גאנץ חודש אֱלוּל איז יְמֵי רָצוֹן, און ר״ה אליין איז יְמֵי הַדִּין, ווערט אֱלוּל מיט ר״ה –״רָצוֹן״ און ״דִּין״–, אוןביידע זענען בגימט׳ קָדוֹ״ש. שטייט אין פסוק (תהלים י״ד ז׳) ״מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב ה׳ שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל:״, פשט אין פסוק איז, ווען עס קומט די הייליגע טעג, און דער אויבערשטער איז מעורר די אידן זאלן תשובה טאהן, קען דער שטן האבן א טענה אז די אידן אליין האלטן נישט ביי תשובה טאן, נאר ווייל דער אויבערשטער איז זיי מעורר תשובה טאן! איז די עצה צודעם: אויב מיר פרייען זיך אין די טעג אז מיר קענען תשובה טאן, האט דער שטן נישט קיין טענה, ווייל מיר טוהען תשובה מיט חשק. דאס איז פשט אין פסוק מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל: ווי אזוי קען דער אויבערשטער געבן א ישועה פאר די אידן? ״בְּשׁוּב ה׳ שְׁבוּת עַמּוֹ״, אז דער אויבערשטער איז מעורר מ׳זאל תשובה טאן, איי דער שטן קען דאך האבן א טענה אז זיי ווילן נישט תשובה טאן, זאגט די פסוק ווייטער ״יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל״, אז די אידן פרייען זיך אז זיי קענען תשובה טאן, קען דער שטן נישט האבן קיין טענות. דאס איז פשט וואס עזרא הסופר זאגט זיי: **וְאַל־תֵּעָצֵבוּ כִּי־חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם**, זיי זאלן זיך פרייען און נישט זיין טרויעריג, אז דער שטן זאל נישט האבן א טענה, דעריבער ״חֶדְוַת ה׳״ אז איר וועט זיך פרייען, ״הִיא מָעֻזְּכֶם״ דאס וועט אייך שטארקן. מ׳קען מסביר זיין דעם ענין מיט א משל צו איינער וואס איז זייער קראנק, און שפירט נישט זיין קרענק און שפעטער האט ער אנגעהויבן צו שפירן, האט ער געשריגן צום דאקטאר אז ס׳טוט אים וויי. האט אים דער דאקטאר ערקלערט, פריי זיך, ווייל יעצט דו וועסטו קענען ווערן בעסער, דאס זעלבע איז געווען ביי עזרא, קודם האט מען זיך געפרייט ווייל מ׳האט גארנישט געשפירט אז עפעס פעלט, אבער ווען עזרא הסופר האט געליינט די תורה האט מען מרגיש געווען אז עפעס גייט פאר, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען. האט זיי עזרא הסופר געזאגט, טאקע ווייל איר שפירט שוין אז עס פעלט וועט איר קענען גיין אין דער ריכטיגן וועג, דעריבער זאל מען זיין בשמחה. (המו״ל בשם החת״ם סופר)

# מדור העובדות
# הילולא קדישא מרן אור ישראל מסטאלין זצוק״ל י׳ כסלו תרכ״ט – ב׳ דר״ה תרפ״ב

דעם צווייטן טאג ראש השנה איז די יום הילולא פון הרה״צ ר׳ ישראל מסטאלין זיע״א בן הרה״ק ר׳ אשר זצוק״ל, בן הרה״ק ר׳ אהרן מקארלין דעם בית אהרן זיע״א אין קארלין סטאלין מען רופט אים דער פראנקפורטר, ווייל זיין מקום מנוחה איז אין שטאט פראנקפורט, די וועלט רופט אים די ינוקא. ער איז געווען זייער א באהאלטענער אז די וועלט האט אים בכלל נישט פארשטאנען אבער זיינע חסידים און צדיקים בכלל, האבן געוואוסט זיין גדלות סיי אין תורה און סיי אין עבודת השם און זיינע אפענע אויגן. ער איז געבוירן י׳ כסלו שנת תרכ״ט און ווען זיין הייליגער טאטע איז נסתלק געווארן ט״ו אב תרל״ג איז ער געווען 4 מיט א האלב יאר, די זקני החסידים האבן אים געקרוינט אלץ ממשיך פון דעם הייליגן קייט פון אדמור״י סטאלין קארלין.

דער רבי ז״ל ר׳ יוחנן מסטאלין זצוק״ל האט געזאגט אז דער טאטע איז קיינמאל נישט געווען א קינד, הרה״ח ר׳ מענדל צייליגנאלד ז״ל - פון מלינוב, אליק, א״י -האט דערציילט אז ווען דעם רבי ז״ל איז געווען מיט זיין הייליגן טאטן הרה״ק ר׳ אשר זצ״ל אין מלינוב ביים ערשטן יארצייט פון הייליגן בית אהרן טו״ב סיון -תרל״ג- רופט זיך אן דער רבי ז״ל ״אט שטייט דא דער זיידאלע״, האט דער יונגער רבי געזאגט: ״שא שא רעד נישט״.

**לערנט זיך אוים צו זיין א באהאלטענער**

מען האט אמאל געגאנגען זוכן דעם רבי ז״ל און מען האט אים נישט געטראפן און נאך א לענגערע צייט האט מען אים געטראפן און מען האט אים געברענגט צו זיין טאטן, מען האט געוואוסט אז דער יונגער רבי וועט אים זיכער שטראפן פאר דעם, אבער ווען דער טאטע פרעגט דעם זון וואס איז דא געשען? ענטפערט ער: מיר לערנען זיך אוים ווי צו זיין א באהאלטענער! דער טאטע האט געפעלן דעם ענטפער און אים נישט געשטראפט פאר דעם.

**וואונדער צו זען א ינוקה**

ווען דער רבי ז״ל איז געווארן אביסל עלטער האט ער גערעדט מיט א שטארקן עניוות, און דערציילט א מעשה: אז עס איז געווען א שענקער וואס איז געווען זייער נידעריג און זיין ווייב איז געווען זייער הויך, און ווען ער האט געוואלט רעדן מיט איר איז ער ארויף אויף א בענקל, און מענטשן זענען געקומען פון ווייט דאס צו זען און אזוי פלעגן זיי שוין קויפן א טרונק און האט געהאט שיין פרנסה. דער מענטש איז געשלאפן אויף א נארמאלע בעט אז זיינע פיס האבן נאר אנגעקומען ביז אינמיטן בעט. איין נאכט האט ער זיך געדרייט און איז געשלאפן אויף די ברייט פון די בעט אז זיינע פיס האבן דערגרייכט ביז די ענדע פון מאטראץ! ווען ער שטייט אויף און זעט אז די פיס דערגרייכן אזוי ווייט, האט ער געטראכט: אוי וויי! איך בין געוואקסן און הויבט אן צו וויינען, און האט געזאגט ביז יעצט זענען מענטשן געקומען פון ווייט מיר צו זען, אבער אז ער איז שוין געוואקסן וועט שוין נישט זיין אינטרעסאנט צו קומען און ער וועט פארלירן די פרנסה. האט דער רבי ז״ל אויסגעפירט: ביז יעצט זענען מיר געווען א ינוקה איז געווען אינטרעסאנט פאר מענטשן און זענען געקומען אונז זען, אבער יעצט אז איך בין שוין גרעסער, ווער וועט שוין קומען?

## דער כח פון סבלנות און זעלטענע מדות

הרה״ח ר׳ אלטר שוחט ז״ל האט דערצייילט אז איין מוצאי שבת קודש ווען מען האט געזונגן דעם זמר אליהו הנביא ביי מלוה מלכה האט דער רבי צוגערופן א יונגערמאן און ער האט גערעדט מיט אים שטילערהייט, דער יונגערמאן איז געווארן רויט און ר׳ אלטר וואס איז געווען דארטן האט דאס מרגיש געווען, נאך דעם האט ר׳ אלטר געגאנגען צו דעם יונגערמאן און ער האט אים געפרעגט וואס איז געווען ביים רבין? און דער יונגערמאן האט זיך פרובירט ארויסצודרייען פון ר׳ אלטר, אבער ר׳ אלטר לאזט נישט אפ ביז יענער האט נישט קיין ברירה און ער האט אים געזאגט וואס דא איז געווען:

אז ווען ער און דער רבי זענען נאך געווען יונגע בחורים איז דער רבי געזעצן צווישן די בחורים, און אין יענע תקופה איז געווען א סאך מענטשן וואס האבן געברענגט מתנות פארן רבין ז״ל און צווישן זיי איז געווען א גאלדענעם זייגער וואס דער רבי האט זייער ליב געהאט און עס איז קיינמאל נישט ארוים פון זיין האנט, א בחור האט זייער שטארק געוואלט דאס האבן, איינמאל ביי שלש סעודות איז דער רבי געזעצן מיט זיינע חברים און האבן געזונגן זמירות און יעדן בחור האט אנגעהויבן א צווייטן ניגון, שלש סעודות האט מען געפראוועט ווען עס איז געווען טונקל, האט ער געטראכט אז יעצט איז א שעת הכושר אוועק נעמען דעם גאלדענעם זייגער, און ער האט אזוי געטאן, ער האט דאס באהאלטן, ווען מען האט אנגעצונדן דעם לעקטער און דער רבי האט מרגיש געווען אז דער זייגער איז נישטא, האט ער אנגעהויבן צו וויינען, און מען זוכט דאס אבער קיינער האט דאס נישט געטראפן, און אזוי איז אריבער די יארן וואס מען האט שוין פארגעסן די מעשה. ווען מען האט אנגעהויבן צו זינגן דעם ניגון פאר אליהו הנביא האט רבי מיר צוגערופן און ער האט מיר

דערמאנט וואס איז געווען פאר צען יאר צוריק, אז ביי שלש סעודת אויף דעם זמר הק' קָה אכסוף האסטו געזונגען דעם ניגון וואס מען זינגט יעצט פאר אליהו הנביא, וואס דו האסט דעמאלטס אוועק גענומען מיין גאלדענעם זייגער, נאר איך האב דיר נישט געוואלט פארשעמען וועגן דעם האב איך דיר דעמאלטס גארנישט געזאגט. און יעצט וויל איך זאלסט תשובה טאן!

## געשטעלט א בחור אויף די פיס

דער הייליגער רבי ז"ל זיע"א האט זייער מקרב געווען דעם יוגנט: עס איז געווען א עלטערע בחור וואס האט געהאט א טיש אינדרויסן פון שול און פלעגט פארקויפן תשמישי קדושה וכדומה. איין מאל גייט אריבער דער רבי ז"ל און קויפט ביים אים א גארטל און לייגט אראפ 20 רובל וואס איז געווען א גרויסע מטבע, און דער בחור וויל געבן צו פארשטיין דעם רבין אז דאס איז צו פיל געלט, אבער דער רבי איז שוין אריין אין שול, און דער בחור ווארט ביז דער רבי וועט ארויס גיין פון שול, און ווען ער זעט דער רבין ארויס גיין פון שול לויפט ער צום רבין און וויל אים צוריק געבען די 20 רובל, פרעגט אים דער הייליגער רבין ז"ל צו ער האט שוין געלייגט תפילין היינט? ענטפערט ער אים, ניין! און ער לייגט צו אז פון די בר מצוה האט ער נישט געלייגט תפילין, פרעגט אים דער רבי צו ער וויל גיין מיט אים אויף א שפאנציר? און ער איז מסכים. און אינמיטן וועג ווען זיי רעדן פון אלע וועלטלעכע זאכן פרעגט אים דער רבי אויף זיין מצב אין אידישקייט! און ער ענטפערט: עס איז זייער שוואך. פרעגט אים דער רבי פארוואס ער לייגט נישט תפילין? ענטפערט ער ווייל ער האט פשוט נישט קיין געלט צו קויפן תפילין! און ווייל ער איז א יתום האט מען אים נישט געקויפט תפילין ביי זיין בר מצוה, און דער רבי רעדט מיט אים וויטער און ציט זיין הארץ צו קדושה, ביז דער בחור צו וויינט זיך: רבי! איך וויל תשובה טאן! אבער ווי וועל איך באקומען תפילין, האט דער רבי אים געענטפערט אז דו האסט באקומען פון מיר 20 רובל גיי מיט דעם צום סופר און ער וועט דיר געבן א מהודרדיגער פָאר תפילין. און אזוי האט ער געטאן ווי ער האט צוגעזאגט, און דער בחור איז געווארן א ערליכער איד.

## דער קארלינער רב ר' דוד פרידמן זצ"ל האט אמונה אין רבי

הרה"צ ר' אברהם אלימלך מקארלין זי"ע דער פינפטן זון פון זיין טאטע מרן אור ישראל -נהרג עקה"ש י"ד חשון הי"ד- האט דערציילט אז הגאון ר' דוד פרידמן זצ"ל אב"ד קארלין, -מחבר ספרי שו"ת שאילת דוד און פסקי הלכות על אבן העזר ועוד- איז געווען בידידות מיטן רבי, און דער גאון האט דער רבי זייער שטארק מכבד געווען, איינמאל איז דער גאון קראנק געווארן און מען האט געשיקט רופן א גרויסן פרופעסאר פון ווארשא וואס די הוצאות פאר ברענגען דעם דאקטאר איז געווען גאר גרויס, דער דאקטער האט באטראכט ר' דוד און האט געזען אז דער גאון איז בגדר פון סכנות נפשות און ער האט געהייסן טרינקען אסאך אבער שטרענג אנגעזאגט אים נישט לאזן טרינקען קיין שום שארפע זאכן וואס האט אין זיך אלכוהול, אין יענע צייט איז געווען א חסיד ר' יוסף דוד ז"ל פון שטאט טעליחאן -נישט ווייט פון קארלין- וואס ער איז געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט אים געבעטן אז ער זאל פארן צום גאון ר' דוד און אים איבערגעבן א גרים פון אים און אז ער שיקט אים א פלאש וויין וואס ער זאל טרינקען, ווען ער איז אנגעקומען צום גאון, האט ער געטראפן די קינדער וואס זענען זיך מייעץ מיט'ן פרופעסאר, און ווען ר' יוסף דוד איז אריינגעקומען האט מען אים נישט געוואלט אריינלאזן צום גאון אבער דער גאון האט געפרעגט ווער איז געקומען האט מען געזאגט א איד ווייל איבערגעגעבן א גרים פון זיין רבי'ן פון סטאלין, האט דער גאון אים געבעטן אריין צוקומען, און ער האט איבערגעגעבן פאר'ן גאון דעם גרים פון רבין און אויך אז דער רבי שיקט אים די פלאש וויין, און דער גאון האט דעם חסיד געבעטן אז ער זאל אים אנגיסן פון דעם וויין, ווען די קינדער האבן דאס געהערט זענען זיי אריין געגאנגען און געבעטן אז ער זאל דאס נישט טרינקען, ווייל דאס איז סכנת נפשות פאר אים. האט דער גאון זיי מבטיח געווען אז עס וועט גארנישט געשעהן און ער האט זיי געזאגט אויב דער רבי האט מיר געשיקט אז איך זאל דאס טרינקען וועט מיר גארנישט שאטן. און ער האט געמאכט א ברכה און געטרונקען פון די וויין וואס דער רבי האט אים געשיקט. האט אויסגעפירט דער הייליגער קארלינער ר' אברהם אלימלך זיע"א "אז דאס איז אפגערעדט אז דער רב האט באקומען א רפואה!! און דאס איז נישט קיין חידוש ווייל די אמונה וואס דער גאון האט געהאט אז די וויין וועט אים אויסהיילן, האט טאקע געהאלפן, אבער דער גרעסטער חידוש איז: אז אזא גרויסער גדול זאל האבן אזא אמונה פשוטה אין טאט'ן."זיע"א

## דער רבי ראטעוועט זיין הויז פון א שריפה

הרה"ח ר' אפרים יוסף פון פלאטניצא איז אמאל געווען אין סטאלין און איז געשטאנען לעבן רבי ז"ל און דער רבי ז"ל דרייט זיך אוים צו אפרים יוסף און נעמט זיין זיידענע גארטל און נעמט רייבן די האלדז פון ר' אפרים יוסף אהין און צוריק מיטן גארטל, ר' אפרים יוסף זאגט אויף א איידאלער אויפן, "רבי עס ברענט"! ענטפערט אים דער רבי ז"ל: אפרים יוסף האב נישט מורא ביי דיר וועט נישט ברענען! פונקט דעמאלטס האט זיך אויסגעבראכן א שריפה אין שטאט פלאטניצא און דער הויז פון ר' אפרים יוסף איז געווען אין וועג פון די פייער, און פונקט ביי זיין הויז האט דער פייער זיך אפגעשטעלט! שפעטער האט ר' אפרים יוסף פארשטאנען וואס פאר א טובה דער רבי ז"ל האט אים געטאן מיטן גארטל אז ער איז אפגעקומען מיט די ברענען אויפן האלדז און נישט מיט ברענען זיין הויז, ר' אפרים יוסף פלעגט שטענדיג דערציילן די מעשה ווי וויט דער רבי ז"ל האט געזען.

## א מליץ יושר

ווען א פוילישער חסיד האט געהערט די וואונדערליכע זאכן פון א יונגן רבי וואס מען האט מכתיר געווען בארמורו"ת, האט ער דאס געוואלט זען מיט זיין אייגענע אויגן, און איז געפארן צו סטאלין אויף ראש השנה, פארן דאווענען האט דער חסיד געזען ווי דער רבי מאכט א שפיל פון א שופט. און ווען דאס האט זיך געענדיגט, פרעגט דער רבי פאר זיך אליין, און וואס וועלן מיר זיין? האט ער זיך געגעבן א רוף אן: מיר וועלן זיין די סניגור, און ער איז גלייך אריין געגאנגען דאווענען.

## דו האסט שוין קינדער!

עס איז געווען א אלמנה וואס האט נישט זוכה געווען צו קינדער, און איר ערשטער מאן איז געווען א חסיד פון דעם בית אהרן און פון ר' אשר דער יונגער רבי. זי האט חתונה געהאט נאכאמאל מיט איינעם וואס האט שוין געהאט קינדער, אבער זי האט וויטער נישט זוכה געווען צו האבן קינדער, האט זי געזאגט צו איר מאן וואס איז נישט געווען פון די חסידים, אז ער זאל פארן צום בית אהרן און בעטן א ברכה. אינצווישן איז דער בית אהרן מיטן יונגער רבי שוין געווען אויפן עולם האמת, האט מען אים געזאגט אז עס איז דא א נייע רבי, האט ער מסכים געווען אריין גיין צו אים, קומט ער צו זיין שטוב און די מאמע די יונגע רביצין פרעגט וואס ער דארף? און דערציילט איר, גייט זי פרעגן איר זון צו מען קען אריין גיין צו אים? האט ער מסכים געווען, ווען דער איד קומט אריין פרעגט די רבי ז"ל: פארוואס ביזטו געקומען? ענטפערט ער, ער וויל האבן קינדער, שרייט אים אן דער רבי ז"ל: דו האסט שוין קינדער, און איז אוועק געגאנגען, דער איד ווייסט נישט וואס צו טאן און גייט אהיים, דערציילט ער פאר זיין ווייב וואס דא איז געשען, האט זי שוין פארשטאנען אז דער רבי האט געזען אז ער האט שוין געהאט קינדער, און ער וואלט געדארפט בעטן פאר זיין ווייב אז זי זאל האבן קינדער, איז ער צוריק קיין סטאלין און גייט אריין צום רבין וואס ווינטשט אים אן מיט א טאכטער, און כך הוה זיי האבן זוכה געווען צו איין טאכטער.

## געדענקט פשט אין זוהר

ווען דער רבי איז שוין געווען עלטער איז נאך געווען א איד וואס האט געהאט ספיקות אין דער רבי ז"ל. האט ער געהאט א שווערן זוהר האט ער מחליט געווען ער וועט פרעגן דער רבי ז"ל פשט אין זוהר. ווען ער קומט און פרעגט. שרייט אים אן דער רבי ז"ל: האסט א פארשטאפטער קאפ, האסט שוין געפרעגט דעם זיידן ווען ער האט אונז געהאלטן און אזוי האט ער דיר געענטפערט פשט, דער איד האט איבער געבעטן דעם רבי ז"לאון איז געווארן א חסיד. [דער רבי איז געווען אלט וויינגער פון 2 מיט א האלב יאר.!!!!]

# דעם הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם האט צוריק געברענגט א נשמה צוריק צום שורש

דער הייליגער צדיק ר' דוד מטאלנא, זון פון הייליגן מגיד פון טשערנאביל זצוק"ל, און מחבר פון די ספרים ברכת דוד, מגן דוד און קהלת דוד, האט געהאט א חסיד ר' יענקל, מיטן גאנצן ברען, אויך א זעלטענער בעל תפילה, מיט א גוטע שטימע און ער האט געהאט א כח אז אפילו א פארשטיינערטער הארץ האט ער צוגאסן, און האט מיט זיין דאווענען אנגעווארעמט דעם עולם. און ווען עס איז געקומען די הייליגע טעג ביים צדיק ר' דוד און עס איז געקומען א גרויסער עולם זיין ביים צדיק, זענען געווען די תפילות פון ר' יענקל א העכערע עבודה פון השתפכות הנפש.

ר' יענקל האט געהאט א זון משה וואס האט געהאט א זעלטענע שטימע און ער האט געהאלפן זיין טאטן זינגען אפאר שטיקלאך אין דאווענען, אבער איין טאג האט ר' יענקל באקומען א לונגן אנצינדונג און געווארן זייער שוואך און האט כסדר געחזנ'ט דעם שטיקל פון הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם און זיין קליין משה'לע האט דאס גוט איינגעחזר'ט. לא עלינו איז ר' יענקל נפטר געווארן יונג. און משה איז געווארן א יתום און אנגעהויבן מאכן קונסן, און זיין מאמע האט אים פרובירט צו זאגן מוסר אבער ער האט זיך אוים געלאכט. מען האט גענומען א נייעם חזן אויף ימים נוראים וואס ער איז געווען זייער נאנט מיט ר' יענקל, און מען האט אים געבעטן ער זאל אכטונג געגעבן אויף דעם יונגן משה. אויף ר"ה האט דער חזן מיטגענומען משה אים צו העלפן, וועגן זיין זעלטענע שטימע.

דער חזן האט אוים געלערנט משה א נייעם ניגון אויף כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ פון דעם וּנְתַנֶּה תֹּקֶף און משה האט דאס גוט איינגעחזר'ט. ווען עס איז אנגעקומען די צייט צו זינגען דער נייע ניגון, האט דער חזן געווינקן פאר משה'ן אנצופאנגען דעם ניגון און דער עולם ווערט שטיל. משה האלט זיך שטאלץ אבער בטעות האט ער אנגעהויבן דעם ניגון פון הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם וואס ער האט אזוי פיל געהערט ביי זיין טאטן. משה האט געזונגען און האט פארמאכט זיינע אויגן און ער האט געשוועבט אין א אנדער וועלט. דער חזן רעגט זיך, אבער דער רבי ר' דוד פון טאלנא האט געקוקט די גאנצע צייט אויף משה און ווען ער האט געענדיגט דעם ניגון האט דער רבי אים געהייסן אז ער זאל דאס זינגען נאכאמאל. דאס מאל האט דער צדיק פון טאלנא זיך אויך פארטיפט אין דעם ניגון און זיך פאר'דביקות אין דעם, א וואונדער צום גאנצן עולם איז געווען, ווען דער רבי האט געוואונקען פאר משה דאס צו זינגען א דריטן מאל, דאס מאל האט זיך שוין געגאסן שוויים און טרערן פון צדיק און דער גאנצער עולם האט מיט געוויינט. דער ניגון האט אריין געברענגט א טיפן השתפכות הנפש און א העכערקייט ביי דעם גאנצן עולם. נאכן דאווענען האט דער רבי געדאנקט דעם יונגן משה'לע און אים געזאגט דער אויבערשטער זאל דיר העלפן אז פון דיין מויל זאל נאר ארויסגיין הייליגע ניגונים און זאלסט נישט ווערן פארכאפט.

משה'לע איז געווארן געריהרט פון דעם סטענצי' און איז געווארן בעסער אין זיין אויפירונג. אבער ליידער די גאס דעמאלטס איז געווען פול מיט השכלה און עס איז געווען א שטארקע מלחמה צווישן די משכילים און די עהרליכע אידן און די משכילים האבן געלייגט א אויג אויף דעם משה'לע וויסנדיג אז ער האט א זעלטענע שטימע און אזוי וועט מען אים אויסלערנען זייערע ניגונים און ער וועט זיי מהנה זיין! די הויפט פון די משכילים פון זיין שטאט האט פארגעלייגט פאר משה'לע א גרויסע סומא געלט און כבוד וואס ער וועט באקומען, אויב ער וועט ווערן פון זייערע.

דער יונגער משה האט זיך געלאזט איינרעדן און געפאקט זיינע פעקלאך און זיך געזעגנט פון זיין צובראכענע מאמע. זי האט געוויינט און געבעטן ער זאל דאס נישט טאן און געזאגט פארשעם נישט דיין טאטן, אבער ער איז געשטאנען פעסט אין זיין החלטה און איז געגאנגען זיין וועג.

ער איז אנגעקומען אין דעם גרויסן שטאט און מען האט אים געברענגט צו די גרויסע חזנים וואס האבן זיך געטשאטשקעט מיט אים און בליץ שנעל איז זיין נאמען געווארן פארשפרייט אליץ א שטערן אין די וועלט פון חזנות ביי די משכילים. מען האט באשטימט א טאג וואס מען וועט מאכן א קאנצערט און משה וועט זיין דער זינגער. פון גאנצן שטאט האט מען געקומען זיך באקענען מיטן נייעם שטערן.

משה האט געוויזן א פנים פון צופרידנהייט אבער טיף טיף האט עפעס אינעווייניג פון אים וויי געטאן, זיין טאטע איז געקומען צו אים אפט אין חלום און געבעטן ער זאל זיך אפלאזן פון די משכילים און צוריק קערן צו זיין מאמע און צום צדיק פון טאלנא. און דאס האט אים זייער שטארק באנומען.

עס איז געקומען דעם טאג פון גרויסן קאנצערט און משה האט געהאט גרויס כבוד, ער האט גענומען טרינקען בראנפן יענעם טאג כדי צו פארגעסן די געבעט פון זיין טאטן און ער איז ארויף אויף די במה און די מוזיק האט אנגעפאנגן שפילן און מען שפילט און מעןווארט ביז משה וועט שוין אנפאנגען זיין ניגון. אבער משה זינקט זיך איין אין א טיפן טראכט און אנקעגן אים קומט צוריק זיינע טעג אין חדר און אויך ווען ער איז געווען ביים צדיק און געזונגען הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם, און אז דער רבי האט דאס באוואונדערט, און אויך די ברכה פון רבין עס זאל נאר ארויסגיין פון זיין מויל הייליגע ניגונים! עס ווערט אים שלעכט, אוי! וואו בין איך יעצט? טראכט משה'לע!

דער הויפט חזן גייט צו אים און וועקט אים פון זיין טיפע מחשבה און בעט אים ער זאל שוין אנפאנגן צו זינגען. משה'לע האט פארגעסן וואו ער איז יעצט און האט אנגעפאנגען דעם ניגון פון הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם, ער איז אין א אנדער וועלט, די מענטשן האבן געשריגן ער זאל שוין אויפהערן דעם ניגון אבער משה'לע האט געענדיגט זיין ניגון מיט רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאֻם ה'!

זיין איבערזעהער האט רחמנות געהאט אויף משה'לע און האט געזאגט ער זאל שנעל אנטלויפן אויב זיין לעבן איז ביי אים טייער איידער די מענטשן וועלן אים כאפן און גוט שלאגן. און משה'לע גייט פון א אונטערשטן טיר און אנטלויפט ווי שנעל ער קען, ער ווייסט נישט וואו ער לויפט אבער ער איז געלאפן פון שטאט און געגאנגען טעג און נעכט, געטראכט פון תשובה טאן און אזוי איז ער אנגעקומען אינמיטן שבת ביים די שלש סעודות טיש אין שטאט טאלנא מיט זיינע צוריסענע קליידער און איז געווען זייער הונגעריג. דער רבי האט אים געהייסן זיך וואשן און דערכאפן זיין הונגער. דער רבי האט אים געהייסן זינגען יעצט דעם הַבֵּן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם ווייל עס איז געווען שבת שובה, דער גאנצע עולם האט געוויינט און געכאפט א התעוררות פון תשובה, דער רבי האט מקרב געווען משה און ער איז געווארן צוריק א עהרליכן איד.


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה,***

מיר וועלן פארקויפן אתרוגים און לולבים דעם יאר אזוי ווי די לעצטע 36 יאר כן ירבו אויך האבן מיר טויזנטער ספרים און מכתבים צו פארקויפן,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש**